# <u>פרשת נשא א׳ וב׳ א׳ - י״ד סיון תש״פ לפ״ק</u>

***<u>יום ראשון פרשת נשא א׳</u>***

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט״א** אצל מסיבת התנאים של בת הר״ר **יעקב פרץ הילמאן** הי״ו, עב״ג בן הר״ר **שמעון ישראל פערלמוטער** הי״ו, שהתקיים בבית חמיו הר״ר **יעקב יוחנן פילאפף** הי״ו. **רבינו שליט״א** נתכבד בקריאת התנאים.

*

***<u>יום שני פרשת נשא א׳</u>***

בשעות אחר הצהרים מסר **רבינו שליט״א** שיעור היומי לתלמידי ישיבה גדולה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט״א** אצל מסיבת התנאים של בת הר״ר **נחמי׳ פייערווערקער** הי״ו, עב״ג בן הר״ר **ראובן חיים ווייס** הי״ו, שהתקיים בבית חמיו הר״ר **משה דוד ראזנער** הי״ו. **רבינו שליט״א** נתכבד בקריאת התנאים.

*

***<u>יום רביעי פרשת נשא א׳</u>***

בשעות אחר הצהרים הגיע **רבינו שליט״א** לניחום אבלים אצל משפחת הרה״ח רבי **לייבוש טייטלבוים** ז״ל.

בשעות הערב התקיים סעודת הילולא של כ״ק **הגה״צ מסאמבאטהעלי זצ״ל**, בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט״א** סיים מסכת סוכה (שנלמד במסגרת חבורת 'ובהם נהגה' דקהלתנו הק׳), ואמר ההדרן וקדיש דרבנן. אחר כך השמיע מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברות קודש:</u>***

**מען** האט מסיים געווען מסכת סוכה מיט די גמרא, אז פאר די משמרה פון בילגה האט מען סותם געווען איר חלון, און קבעו את טבעתה (סוכה נו:). אין די גמרא איז דא צוויי דרכים, וואס עס איז געווען די סיבה. בדרך כלל ווייסט יעדער איינער די מעשה פון מרים בת בילגה שהמירה דתה, און זי האט חתונה געהאט צו א סרדיוט פון מלכי יוונים, און זי האט מבעט געווען בסנדלה אויף די מזבח, לוקוס לוקוס, עד מתי אתה מכלה ממונן של ישראל. איך וועל זיך שטעלן יעצט אויף די צווייטע העלפט, יש אומרים אז די סיבה איז געווען, משמרתו שוהה לבא, זיין משמרה איז נישט אנגעקומען באצייטנס, ונכנס ישבב אחיו עמו, ושימש תחתיו. יעדן שבת האט זיך געטוישט די משמר, די נייע משמרה פלעגט שוין אנצוקומען ערב שבת, פון גאנץ ארץ ישראל וואו זיי האבן געוואוינט. די עבודה שבת פארמיטאג האט נאך געטון די פארגאנגענע משמר, און צום תמיד של בין הערביים איז אנגעקומען דער נייער משמר. און ווען עס איז געקומען דער משמר פון בילגה, האבן זיי מזלזל געווען אין די עבודה, זיי זענען נישט אנגעקומען באצייטנס, איז ישבב נישט אהיימגעגאנגען, נאר זיי זענען געבליבן און זיי האבן משמש געווען אנשטאט בילגה. די לשון אין די גמרא איז, נכנס ישבב אחיו 'עמו', זיי זענען אריין צוזאמען מיט אים, ושימש תחתיו. דער **רש״ש** זאגט, אז נישט די גאנצע משמרה פון בילגה האבן מזלזל געווען אין די עבודה, אין יעדן משמר זענען דא ערליכע אידן אויך, נאר עס איז אנגעקומען נאר א חלק, און ישבב איז געבליבן 'עמו', צוזאמען מיט די נייע וואס זענען געקומען, האבן זיי געטון די עבודה.

**און** אף על פי ששכיני הרשעים לא נשתכרו, געווענליך א שכן פון א רשע פארדינט נישט. אבער שכיני בילגה נשתכרו, זיי האבן פארדינט, שבילגה לעולם חולקת בדרום וישבב אחיו בצפון. שבת האט מען צוטיילט דעם לחם הפנים צווישן די צוויי משמרות. האלב האט באקומען דער משמר וואס איז ארויסגעגאנגען, און האלב האט באקומען דער משמר וואס איז אריינגעקומען. און זיי זענען געשטאנען אפגעטיילט, די משמרה וואס זענען יעצט אריינגעקומען זענען געשטאנען ביי צפון, און די וואס זענען ארויסגעגאנגען זענען געשטאנען אויף דרום. און דא האט מען צוגענומען פון בילגה, מען האט אייביג געשטעלט בילגה אויף דרום, און ישבב האט מען אייביג געשטעלט אויף צפון. און די גמרא פירט אויס צום סוף, אז געווענליך שכנים פון א רשע לא נשתכרו, ווייל אוי לרשע אוי לשכינו, מען געפינט אזוי ביי נגעי בתים אז דער וואס האט געוואוינט נעבן דעם רשע וואס האט באקומען א נגע, און מען האט צונעמען די שטיינער פון דעם הויז, האט מען אויך צונומען די שטיינער פונעם שכן׳ס הויז וואס איז געווען נעבן דעם רשע׳ס הויז, אוי לרשע אוי לשכינו.

**מען** רופט אן אז בילגה איז געווען דער שכן פון ישבב. וואס פאר א שכנים זענען זיי געווען? יעדער משמר איז דאך געווען צוווארפען אין גאנץ ארץ ישראל, מען איז זיך נאר צוזאמגעקומען יעצט צו טון די עבודה, און אויפן צעטיל איז געשטאנען אז די וואך דינט ישבב, און די אנדערע וואך דינט בילגה, אבער פארוואס זענען זיי שכנים, אז מען זאגט, אז געוועגליך שכנים פון א רשע פארדינען נישט, און דא האבן זיי יא פארדינט. וואס איז געווען דא די שכינות פון די צוויי צוזאמען?

**בפשטות** קוקט אויס, אז אזוי ווי ווען מען האט צוטיילט די לחם הפנים האבן זיך צוזאמגעשטעלט ביידע צוזאמען. מען איז טאקע געווען אפגעטיילט אין די עבודה, בשעת ישבב האט געטון די עבודה, האט בילגה נישט געטון, און ווען בילגה האט געטון די עבודה, האט ישבב נישט געטון, יעדער משמר איז געווען אפגעטיילט פונעם אנדערן. אבער ביי דעם חילוק פון לחם הפנים זענען זיך צוזאמגעקומען ביידע משמרות, און מען האט צוטיילט זעקס חלות פאר דעם, און זעקס חלות פאר יענעם. אויף די קורצע צייט וואס די צוויי משמרות האבן געהאט א שייכות צוזאמען, רופט ער זיי אן אז זיי זענען געווען שכני רשעים, און לעולם וואלטן זיי געדארפט פארלירן עפעס דורכדעם וואס זיי זענען געווען שכנים פון רשעים, אבער דא איז געווען אן אויסנאם, אז די שכנים פון בילגה האבן יא פארדינט.

**אבער** לויט ווי מען האט פריער גערעדט, אז עס איז געווען א חלק פון די משמר פון בילגה וואס איז יא געקומען טון די עבודה, און ישבב האט זיך געמוזט צושטעלן יעצט מיט בילגה צוזאמען צו טון די עבודה. קומט אויס, אז זיי זענען טאקע געווען שכנים אין די עבודה אליין, ווייל ישבב האט זיך צוזאמגעשטעלט צוזאמען מיט בילגה. וועגן דעם רופט ער זיי אן, אז זיי זענען געווען שכני רשעים, און געוועגליך פארדינען זיי נישט, אבער דא האבן זיי יא פארדינט.

*

**אין** די משנה איז דא א מחלוקת ווי אזוי מען האט צוטיילט דעם לחם הפנים. עס איז געווען צוועלף חלות, דער תנא קמא זאגט, אז מען האט צוטיילט זעקס אויף זעקס, רבי יהודה אומר, הנכנס נוטל שבע והיוצא נוטל חמש, דער וואס איז אריינגעקומען האט באקומען זיבן חלות, און דער וואס איז ארויסגעגאנגען האט באקומען פינף חלות. דער וואס איז ארויסגעגאנגען האט אוועקגעגעבן איינע פון זיינע חלות פאר דעם וואס קומט אריין, וועגן הגפת דלתות. אזוי ווי זיי האבן געעפענט די טירן צופרי, און זיי וועלן עס נישט גומר זיין, ווייל זיי גייען דאך אוועק מיטאג, וועט דאך אויסקומען אז דער נייער משמר וועט עס פארמאכן, האבן זיי געדארפט באצאלן פאר דעם וואס זיי טוען צוענדיגן זייער חלק פון די עבודה, און פאר דעם ארויף האט מען זיי געגעבן איין חלה מער.

**איך** בין מסופק, ביי בילגה מיט ישבב, צו מען האט געדארפט אוועקגעבן פאר בילגה זיבן חלות. בדרך כלל האט מען צוטיילט דעם לחם הפנים צווישן דעם משמר הנכנס מיטן משמר היוצא, און געוועגליך וואלט מען עס צוטיילט האלב אויף האלב, נאר אלץ שכר הגפת דלתות דארף דער משמר היוצא אוועקגעבן איין חלה פאר די משמר הנכנס. אבער דא איז דאך א חלק פון די משמר פון ישבב נאך דארט געבליבן, און זיי האבן געטון די עבודה שפעטער א גאנצן טאג צוזאמען מיט בילגה, אינמיטן שבת איז דאך נישט צוגעקומען דא קיין פרישע מענטשען פונעם משמר פון בילגה. קען די משמר פון ישבב זאגן, איך דארף נישט דיין הגפת דלתות, איך קען עס אליין צומאכן. ווען איך גיי אוועק, מוז איך דיר באצאלען, אבער אז איך בין דא, קען איך דאך אליין גומר זיין די עבודה. קען זיין אז זיי האבן נישט געדארפט צוגעבן נאך א חלה אלץ שכר הגפת דלתות, ווייל זיי זענען דאך אויך געבליבן דארטן. קומט אויס, אז די משמר פון ישבב האט נאך א זאך פארדינט, אז זיי האבן געהאט זעקס חלות, זיי האבן נישט געדארפט אוועקגעבן איין חלה פאר בילגה אלץ שכר הגפת דלתות. נאר די משנה רעכענט עס נישט אויס צווישן די זאכן וואס זיי האבן פארדינט, ווייל דאס איז נאר א יש אומרים וואס זאגן אז דאס איז געווען די סיבה, א טייל זאגן אז די סיבה איז נישט געווען ווייל משמרתו שוהה לבא, נאר מכח די מעשה פון מרים בת בילגה. ממילא איז נישט זיכער צו זיי האבן באקומען זעקס צו זיבן, אבער עס איז ניתן להאמר, אז לויט די יש אומרים, האט מען נישט געדארפט אוועקגעבן שכר הגפת דלתות.

**על** כל פנים די נקודה דערפון איז, אז מען רופט זיי אן, אז זיי זענען שכני רשעים. כאטש ער האט גארנישט קיין שייכות מיט אים, ער וואוינט נישט צוזאמען מיט אים, אבער אפילו נאר פאר איין נאכמיטאג, וואס זיי האבן געדארפט זיין צוזאמען די צוויי משמרות, רופט ער זיי אן אז זיי זענען שכני רשעים, און זיי וואלטן געדארפט פארלירן, נאר דא וואו עס איז געווען שכני בילגה, האבן זיי פארדינט. און וואס האבן זיי פארדינט. אז געווענליך יעדע וואך בשעת מען צוטיילט דעם לחם הפנים איז דער משמר וואס איז אריינגעקומען געשטאנען אויף צפון זייט, און דער משמר וואס איז ארויסגעגאנגען געשטאנען אויף דרום זייט. דא ווען עס איז געקומען שבת, און ישבב האט געדארפט אוועקגיין, און בילגה איז אנגעקומען, האט מען נישט געשטעלט בילגה אויף צפון זייט אזוי ווי ווען מען קומט אריין, נאר מען האט זיי געזאגט, עטץ וועטס גיין אויף דרום זייט, און ישבב זאל זיך שטעלן אויף צפון זייט.

**וואס** איז דער חילוק צו מען איז אויף צפון, צו מען איז אויף דרום. פארוואס איז דער משמר וואס איז אריינגעקומען געשטאנען אויף צפון, און דער אנדערער משמר איז געשטאנען אויף דרום? בפשטות לערנט מען, ווייל אין די עזרה אליין האט צפון א גרעסערע חשיבות, עס איז מער מקודש ווי די איבריגע עזרה. מען זעהט אז קדשי קדשים שחיטתן בצפון, מען קען עס נישט שחט'ן איבעראל נאר אויף צפון, און אנדערע קרבנות קען מען שחט'ן איבעראל, איז דאך טייטש אז עס איז דא עפעס א געוויסע קדושה אויף צפון, מער ווי ערגעץ אנדערש. און אזוי ווי זיי קומען יעצט אריין טון די עבודה, און די האלטן ביים אוועקגיין, די האלטן שוין ביים סוף, האט מען זיי געגעבן דעם שוואכערן פלאץ, זענען זיי געשטאנען אויף דרום, און די וואס קומען אריין האבן באקומען זייער פלאץ אויף צפון.

**נאך** א חילוק וואס עס קען זיין, פארוואס האט מען זיי געגעבן אויף צפון. ווייל די וואס קומען אריין האבן באמת א דין קדימה, ווייל ער קומט יעצט טון די עבודה, קומט זיך אים דעם חשובן פלאץ. די משמר וואס גייט ארויס, האלט דאך שוין ביים ענדיגן, קומט זיך פאר אים נישט דעם חשובן פלאץ אזוי ווי פאר איינעם וואס קומט יעצט טון די עבודה. אין **שערי אפרים** (שער ד' אות לה) פון **הגאון רבי אפרים זלמן מרגליות זצ"ל**, איז דא א שמועס, ווען מען רופט אויף איינעם לתורה, און דער פריערדיגער גייט אראפ, און דער וואס איז עולה קומט אים אקעגן, און עס איז דא א שמאל פלאץ ווי זיי גייען אדורך, און זיי טרעפן זיך צוזאם, דער וואס איז אראפגעגאנגען און דעם וואס מען האט יעצט אויפגערופן, ווער דארף אפטרעטן פארן צווייטן. זאגט ער, אז דער וואס האט געענדיגט ער דארף גיין אין דער זייט, און געבן פלאץ פאר דעם וואס איז יעצט עולה, ער זאל ארויפקומען. און ער ברענגט א ראיה פון די גמרא, אז מען זעהט דא, אז דער וואס איז נכנס, דער וואס קומט אריין, האט א דין קדימה פון דעם וואס איז יוצא. ווייל ער גייט יעצט טון די מצוה, און אז ער גייט טון די מצוה דארפסטו אים געבן א דין קדימה פון איינעם וואס איז אוועקגעגאנגען. - איז ממילא צפון וואס איז חשוב'ער, האט מען געגעבן פארן משמר וואס איז אריינגעקומען.

**אבער** ביי בילגה האט מען עס געטוישט. פארוואס? עס איז דא אמאל וואס א יוד קומט אריין טון די עבודה, אבער ער טוט די עבודה ווייל ער האט נישט קיין ברירה. ער איז א כהן, און מען האט איינגעטיילט די משמרות, און עס קומט זיין משמר וואס ער דארף קומען טון די עבודה, ער האט נישט קיין ברירה, ער מוז קומען. ער איז דאך א יוד, ער מוז טון וואס מען דארף, אבער זיין קאפ איז נישט דארטן. זיין קאפ איז, ווען וועט ער ענדיגן די עבודה, ער זאל שוין קענען אהיים פארן צו זיינע געשעפטן די אנדערע וואך מוצאי שבת, דאס שטייט אים פריער ווי די עבודה. כאטש ער קומט אריין צו טון די עבודה, אבער ער איז נישט דארט, רחמנא ליבא בעי, דער אייבערשטער דארף האבן הארץ.

**אמאל** קען זיין דער וואס גייט אוועק פון די עבודה, ער האט טאקע געענדיגט די עבודה, אבער ער לאזט נישט איבער דעם בית המקדש, ער בענקט זיך צוריק, ווען וועט שוין קומען מיין קומענדיגע מאל וואס איך זאל קענען צוריק קומען אהער און טון די עבודה. ער איז טאקע יעצט א יוצא, ער גייט ארויס, אבער זיין קאפ איז אויפן נכנס. איך מוז יעצט ווארטן נאך פיר און צוואנציג משמרות, נאך זעקס חדשים, איך זאל קענען צוריק קומען. און ער ווארט יעדן טאג, הלוואי וואלט איך שוין געקענט גיין טון די עבודה, נאר עס איז נאכנישט מיין משמר, קען איך נישט.

**דאס** איז געווען דער חילוק צווישן די צוויי משמרות בילגה און ישבב. בילגה האט זיך נישט געאיילט צו קומען טון די עבודה. איך מוז קומען, אבער איך מוז דאך נישט זיין פון די ערשטע, אז איך וועל אנקומען שפעטער, וועט אויך גארנישט געשען. איז ווען ער איז אנגעקומען, האט מען אים נישט געגעבן דעם חשיבות פון א נכנס. דו קומסט טון די עבודה? דו ביסט נישט קיין נכנס, דו ביסט מיט איין פוס אינדרויסן. דיך דארף מען שטעלן אויפן פלאץ פונעם יוצא, ווייל דיין ציל איז נישט צו קומען און צו בלייבן דא ווייל דו ווילסט טון די עבודה, דו האסט נאר נישט קיין ברירה ביסטו געקומען אהער. האט מען אים צוגענומען די חשיבות פון א נכנס וואס קומט אריין צו טון די עבודה, ווייל ער קומט נישט אהער מיטן גאנצן הארץ צו טון די עבודה, א ראיה האב איך, ווייל דו קענסט נישט אנקומען באצייטנס, איז א סימן אז דו ביסט נישט דערביי. האט מען אים געגעבן דעם פלאץ אויף דרום זייט, וואו די יוצאים שטייען, כאטש דו קומסט אריין, ביסטו א יוצא.

**דער** ישבב ווייטער, האט זיך דאך געבענקט צו טון די עבודה, ער איז נישט געווען מחויב צו טון די עבודה נאכמיטאג, ער האט דאך אפגעדינט זיין משמר, מיטאג האט ער געענדיגט. זאלן קומען אנדערע כהנים און זיך פארענען, זאל בילגה זוכען אנדערע כהנים וואס זאלן זיי ארויסהעלפן. אבער ישבב ביי אים איז געווען חשוב די עבודה וואס ער טוט, אדרבה, איך וואלט געבליבן דא נאך א גאנצע וואך שפעטער, נאר איך האב נישט קיין ברירה ווייל בילגה נעמט עס מיר איבער, אבער יעצט אז בילגה איז נישט געקומען, האבן זיי געטון די עבודה מיטן גאנצן הארץ אזוי ווי ער וואלט יעצט אריינגעגאנגען טון די עבודה. האט מען געגעבן פאר ישבב די פלאץ פון די נכנסים, אפילו ווען זיי זענען ארויסגעגאנגען. ווייל עס איז דא אמאל איינער וואס איז א נכנס, אבער ער האט נישט די חשיבות פון א נכנס, ער איז א יוצא. און עס איז דא אמאל וואס א מענטש איז א יוצא, אבער ער האט די חשיבות פון א נכנס. און דאס האט זיך אפגעשפילט ביי די צוויי משמרות פון בילגה מיט ישבב. בילגה איז טאקע געווען א נכנס, ער איז אריינגעקומען יעצט טון די עבודה, אבער דו וועסט שטיין דארט ווי די יוצאים שטייען, ווייל דיין קאפ איז נישט דא, דו האלסט ביים ארויסגיין, ביסטו נישט קיין נכנס. ישבב איז געווען א יוצא, אבער ער האט נישט געוואלט זיין קיין יוצא, ער האט נאר נישט קיין ברירה, האט מען אים געשטעלט דארט וואו די נכנסים שטייען, דו ביסט נישט קיין יוצא, דו פירסט זיך אויף ווי א נכנס.

**און** דאס איז א מוסר השכל אויף אלע ענינים פון עבודת ה'. ווען א מענטש קומט דאווענען, איז דא צוויי סארט יודען וואס קומען דאווענען. איינער קומט דאווענען, ער האט נישט קיין ברירה, ער איז דאך א יוד, ער מוז דאווענען, אבער די קאפ איז אים ביי די געשעפטן, און ער קוקט אויפן זייגער ווען וועל איך ענדיגן דאס דאווענען, איך זאל שוין קענען אוועקגיין. אפילו ער איז א נכנס, ער קומט אריין, אבער ער האט נישט די חשיבות פון א נכנס, ווייל זיין קאפ איז צו זיין א יוצא. עס איז דא א צווייטער יוד, וואס ער פריידט זיך אז ער קען קומען אין בית המדרש דאווענען, און ער פריידט זיך אז ער קען טון א מצוה. און ווען ער גייט אוועק, גייט ער נישט אוועק ווייל עס איז מיר א עול וואס איך בין דא געווען יעצט, הלואי וואלט איך געקענט בלייבן נאך לענגער, איך האב נאר נישט קיין ברירה, און איך מוז גיין ווייטער. איז אפילו ווען ער איז א יוצא, ווערט ער נישט גערעכנט אז ער איז אוועקגעגאנגען, זיין מקום איז צווישן די נכנסים.

**דוד** המלך זאגט (תהלים כז-ד), אחת שאלתי מאת ה' אותה אבקש, איינס בעט איך פונעם אייבערשטן, שבתי בבית ה' כל ימי חיי, איך זאל קענען זיצן בבית ה' מיין גאנץ לעבן, לחזות בנועם ה', צו זעהן די זיסקייט פונעם אייבערשטן, ולבקר בהיכלו, און איך זאל קענען באזוכן זיין היכל. ער הייבט אן שבתי בבית ה', איך זאל זיצן בבית ה', און איך בין משתוקק 'לבקר בהיכלו', איך זאל נאר גיין באזוכן דעם היכל.

**דוד** המלך האט געזאגט, איך קען דאך נישט בלייבן בבית ה' כל ימי חיי, א מענטש איז דאך א מענטש, ער האט צו טון אנדערע זאכן אויך, עס איז דא דברים גשמיים וואס ער מוז אוועקגיין. אבער ער האט מתפלל געווען, אפילו ווען איך בין א יוצא, אפילו ווען איך גיי ארויס פונעם בית ה', פון דעסטוועגן דאך זאל איך ווערן גערעכנט אזוי ווי איך זיץ בבית ה'. אפילו ווען איך בין אינדרויסן, דער גוף איז אוועקגעגאנגען, אבער דער קאפ איז אים געבליבן אינעווייניג, ער איז

נאך אלץ בבית ה'. 'שבתי', איך זאל זיך קענען ארײנזעצן 'בבית ה'', אין אייבערשטנ'ס הויז, 'כל ימי חיי', אלע טעג וואס איך לעב. נישט נאר די צייט וואס איך בין בבית ה', זאל ווערן גערעכנט ווי איך בין א יושב בבית ה', נאר כל ימי חיי, מיין גאנץ לעבן זאל קענען זיין אינעם בית ה'.

**ווי** אזוי איז מען זוכה דערצו? ווען עס איז 'לחזות בנועם ה', ווען עבודת ה' איז נישט קיין עול פארן מענטש, נאר ער וויל זעהן די זיסקייט פונעם אייבערשטן. און ער בענקט זיך שטענדיג 'לבקר בהיכלו', אפילו ווען ער איז אינדרויסן, זאל ער קענען צוריק מבקר זיין דעם היכל, דאס ווייזט אז די עבודה וואס ער האט געטון, איז אן עבודה פנימיות, פונעם גאנצן הארץ. אפילו בשעת א מענטש מוז אוועקגיין פון דינען דעם אייבערשטען, זיך אפגעבן אין עניני גשמיים, איז ער נאר מיט א האלבן פוס אינדרויסן, אבער א חלק פון אים איז נאך אלץ בבית ה'. דער גוף איז אים אינדרויסן, אבער זיין נשמה, זיין מחשבה איז ווייטער געבליבן בבית ה'. - דאס איז געווען ביי בילגה מיט ישבב. ישבב אפילו ווען ער איז ארויסגעגאנגען, איז געווען זיין פלאץ אויף צפון, ווייל דו ביסט נאך אלץ פון די נכנסים, אפילו ווען דו גייסט ארויס פון טון די עבודה.

*

**מען** זיצט ביי די סעודת הילולה פונעם טאטען זכרונו לברכה. עס איז שוין פינף און דרייסיג יאר וואס ער איז נישט דא. וימת יוסף וכל אחיו וכל הדור ההוא, כמעט פונעם גאנצן בית המדרש וואס האבן געדאווענט צוזאמען מיט אים, איז שוין נישט געבליבן. ער איז געווען א פארצייטישער איד, שבתי בבית ה' כל ימי חיי, אלץ האט ער נאר געבענקט צו טון דעם רצון ה'. אפילו עס איז געווען זמנים וואס מען האט געדארפט אוועקגיין, מען האט נישט געקענט עוסק זיין אין ענינים רוחניים, אבער דער קאפ איז אלץ געווען ווען קען מען שוין צוריק גיין, לערנען, דאווענען, טוען מצות ומעשים טובים.

**ער** איז געווען א גוואלדיגער מהדר במצוות. יעדע מצוה, איז נישט נאר ווען עס איז געקומען דער זמן פון די מצוה, האט ער אפגעטון די מצוה. נאר אין יעדע מצוה האט ער ארײנגעלייגט אסאך צייט און שעות, נאך בעפאר די מצוה איז געקומען, ווייל ווען ער וועט דארפן מקיים זיין די מצוה, זאל ער עס קענען טון מיט א שלימות.

**סוכות**, האט ער אוועקגעגעבן אסאך שעות אויף צו באצירן די סוכה. אנגעפולט מיט נוי סוכה, מיט שטערנ'ס. און ער האט אלעס געמאכט אליין, עס זאל זיין שיין, און אויסגעצירט ווי עס דארף צו זיין. ווען ער האט אראפגענומען די נוי סוכה, האט ער אוועקגעלייגט די נוי סוכה, און א גאנץ יאר איז ער געווען פארנומען מיט די נוי סוכה. ער האט געהאט קליינע פלעשלעך וויינען וואס זענען געהאנגען אין די סוכה, און יעדן שבת האט ער ארויסגענומען א קליין פלעשל וויין וואס עס האט געהאנגען אין די סוכה, און גענוצט א חלק דערפון צו קידוש. די אויל וואס איז געהאנגען אין די סוכה, האט מען אוועקגעלייגט אויף חנוכה און מיט דעם געצינדן די חנוכה ליכט. די עפל וואס האט געהאנגען אין די סוכה, האט ער אויפגעהאנגען אין א קאלטן שטוב ער זאל האבן פסח אויף חרוסת. ער האט מחשיב געווען א דבר מצוה. - וויפיל צייט ער האט אוועקגעגעבן צו קויפן די ד' מינים, ביז ער האט זיך אויסגעקליבן זיין אתרוג, זיין לולב, און זיין הדס, און אזוי ווייטער.

**מצות** פאר פסח, איז ער געגאנגען אינמיטן זומער און אליין געשניטן. עס איז נישט געווען אזוי ווי היינט, וואס מען קען פארן מיט א קאר, און מען פארט און מען קומט אין דעם זעלבן טאג. ער האט נישט געהאט קיין קאר צו פארן, ער האט זיך געדארפט אויסבעטן מיט וועם ער האט געקענט ארויספארן, און אמאל איז מען ארויסגעפארן אינדרויסן מיטן סיט"י באס. אסאך מאל האט מען געדארפט איבערנעכטיגן דארטן אינדרויסן, ווייל ער האט נישט געהאט מיט וועם צוריקצוקומען. און ווען מען האט אהיימגעברענגט די זעק האט מען עס אליין אויסגעטריקענט און אליין גע'ווינט שאוועלט, צוגרייטן די מצות אויף פסח.

**און** אזוי איז געווען ביי יעדע מצוה, וואס ער איז געווען א געוואלדיגער מדקדק במצות. איך האב אמאל געזען א בריוו פונעם **קאטמונער רב זצ"ל**, [זיי פלעגן זיך אפט צו שרייבן], האט ער געשריבן אויף אים די טיטול, אז ער איז א מדקדק במצות כשיטת ר' שלמה. פרעג איך מיין טאטען, וואס איז דער מדקדק במצות כשיטת ר' שלמה? זאגט ער מיר, אז עס איז

געווען א מאקעווער איד, ער האט געהייסען ר' שלמה רובינשטיין. און דער ר' שלמה פלעגט אייביג צו זאגן, אז דער דיין (**הגה"ק רבי חיים יהודא דייטש זצ"ל** דומ"ץ מאקאווא חותנו של **הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל**) איז א מדקדק במצות. האט ער געשריבן אז ער איז א מדקדק במצות כשיטת ר' שלמה. עס איז געווען אמת, ער איז געווען באמת א מדקדק במצוות.

**און** ער האט ב"ה אויפגעשטעלט א שיינע שטוב, קינדער און אייניקלעך וואס גייען בדרכי אבות, און מען דארף עס ווייטער ממשיך זיין, שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך (משלי א-ח). פון ווען איך בין געבוירען, ביז מיין טאטע ז"ל איז אוועק, האב איך כמעט נישט פארפעלט איין טאג וואס מיר זאלן נישט זיין צוזאמען, אויסער זומער אין קאנטרי. ווען איך האב חתונה געהאט, האב איך געוואוינט אקעגן איבער, און איך בין אריינגעקומען יעדן טאג. אלע שבתים האב איך נישט געגעסן ביי מיר, איך האב געגעסן דארטן, און מיטגעלעבט צוזאמען. און עס האט איבערגעלאזט א רושם, שותא דינוקא או דאבוה או דאימיה, וואס מען זעהט און מען הערט ביי די עלטערן, מאכט א רושם. אזוי דארף יעדער איינער זיך אפלערנען און גיין בדרכי אבות.

**עס** קומט דער יום טוב פון שבועות, מען איז מקבל די תורה, דארף מען זעהן מקבל זיין די תורה מיט א התחדשות, כאילו היום ניתנה, כאילו מען האט עס היינט געגעבן. געווענליך א זאך ווערט פארעלטערט ביי א מענטש, ער טוט עס היינט, ער האט עס געטון נעכטן און אייער-נעכטן, עס פעלט אים דער התחדשות. ווען עס קומט צו עבודת ה' דארף עס א יוד מאכן מיט א התחדשות, מיט א נייקייט, כאילו היום ניתנה. ביום הזה באו מדבר סיני, ווען מיר וואלטן היינט געדארפט גיין זיך שטעלן צו קבלת התורה וואלט מען עס געטון מיטן גאנצן הארץ, אזוי דארף מען זיך צוגרייטן צו קבלת התורה.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטן, און מקיים זיין די מצות פונעם אייבערשטן ווי עס דארף צו זיין, קענען מקבל זיין די תורה מיט א אמת'דיגע שמחה. וקדשתם היום ומחר, מען דארף האבן א הכנה צו דעם יום טוב, און ווי גרעסער די הכנה איז, ווי מער די הכנה איז, איז מען אלץ מקבל די תורה אויף א העכערן אופן.

**און** דאס איז געווען ביי מתן תורה, מען האט עס גענומען מיטן גאנצן הארץ, מיטן גאנצן חשק, עס איז נישט געווען א עול וואס מען האט נישט געהאט קיין ברירה, מען האט עס געמוזט אויף זיך נעמען. יודען האבן פארשטאנען די חשיבות פון שמירת התורה, מען האט מקבל געווען אויף זיך נעשה ונשמע, מען האט אפילו נישט געוואוסט וואס מען גייט בעטן פון אונז, אבער מיר זענען גרייט צו טון. זיי האבן מקדים געווען נעשה פאר דעם נשמע, אזוי דארף זיין די קבלה, די חשיבות פון תורה ומצוות.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, מיר זאלן קענען מקבל זיין דעם יום טוב, און מקבל זיין די תורה פריילעכערהייט. די נשמה זאל האבן אן עליה און זיין א מליץ יושר פאר די גאנצע משפחה, פאר אלע קינדער און אייניקלעך, און פאר אלע גוטע פריינט, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום חמישי פרשת נשא א' – ערב שבועות***

**רבינו שליט"א** התפלל תפלת שחרית לפני התיבה לרגל היארצייט של אביו **כ"ק הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל**. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים.

אחר כך התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **יוסף רובין** הי"ו.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הרב **פישל לעווי** שליט"א (מנהל ישיבה קטנה), שהתקיים בביתו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות לפני הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לציון אביו **כ"ק הגה"צ אב"ד סאמבאטהעלי זצ"ל** בבית החיים בניו דזשערסי. **רבינו שליט"א** הדליק נרות על הציון, ועל ציון אחיו **כ"ק הגה"צ אב"ד תולדות אהרן וומסב"ג זצ"ל**, ואמר מזמורי תהלים למשך זמן.

*

***ערב שבת קודש - יום א' דשבועות***

בכניסת החג אחר תפלת מנחה, דרש **רבינו שליט"א** בגודל מעלת החג זמן מתן תורתנו, אשר בו בחר בנו מכל

עם, וענין זה מתחדש בכל שנה להתקרב לעבודת הבורא ולקבל התורה מאהבה. ובהרגשת אהבת התורה, אזי באהבתה ישגה תמיד, ומרגיש בהתורה כל חיותו, טעמה כי טוב סחרה לא יכבה בלילה נרה.

לפני קריאת התורה נאמרה פיוט האקדמות על ידי **רבינו שליט"א** בקול רגש ומעורר הלבבות. – אחר התפלה ערך **רבינו שליט"א** הקרעפיל טיש לכבוד החג. אחר טעימה ממאכלי חלב וניגוני שמחה, השמיע **רבינו שליט"א** דברי דרוש ואגדה בעניני מתן תורה.

*

***<u>שבת קודש - יום ב' דשבועות</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בביתו נאוה קודש לבחורי אנ"ש והאורחים החשובים שהגיעו להסתופף בצל הקודש. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני החג. בברכת המזון נתכבד **הרב שלמה זלמן כ"ץ שליט"א**.

אחר תפלת מנחה נטל **רבינו שליט"א** ידיו לסעודה שלישית. אחר שזימרו זמירות שבת קודש המשיכו בניגוני התעוררות לעת נעילת החג המרומם. **רבינו שליט"א** השמיע מדברות קדשו בגודל קדושת החג שעבודתינו להמשיכם על שאר ימות השנה. והלימוד ממה שהוסיף משה יום אחד מדעתו, להכניע עצמו לקבל דעת חכמי ישראל, ולהיות כפוף לדבריהם. והוסיף לדבר במעלת יום שבת קודש אשר בו ניתנה תורה, שביום השבת יכול האדם להתעצם בדביקותו בה', ולעשות חשבון הנפש תמידי, ולקבל חיזוק ועידוד על כל ימות השבוע.

בסיום הדברים השמיע **רבינו שליט"א** דברים חוצבים בעניני השעה, לקבל עול תורה ומצוות בהתחדשות, אחר שעברו ימי ביטולה של תורה ותפלה וטהרה במקוה, עקב המחלה שהסתובב ל"ע.

***<u>וזה תוכן סיום הדברות קודש:</u>***

**איך** האב געוואלט רעדן א ענין. די גמרא (שבת פח.) רופט אן די תורה הק', אז עס איז אוריין תליתאי. בריך רחמנא דיהב אוריין תליתאי, לעם תליתאי, על ידי תליתאי. די תורה איז צוזאמגעשטעלט פון דריי חלקים, תורה, נביאים, און כתובים, רופט מען אן די תורה אז עס איז תליתאי. על דרך מוסר קען מען זאגן נאך א טעם פארוואס עס הייסט אוריין תליתאי. די גמרא (ירושלמי סוף ברכות) זאגט, אם תעזבנו יום יומיים אעזבך, ווען מען לאזט איבער די תורה אויף איין טאג, לאזט דיך איבער די תורה אויף נאך צוויי טאג שפעטער. אויב א מענטש האט א סיבה וואס ער האט געמוזט אפלאזן פון תורה, איז עס נישט איין טאג וואס ער איז אוועקגעפאלן פון תורה, עס איז יומיים אעזבך, עס קומט צו נאך צוויי טעג וואס ער גייט אוועק פון תורה. די תורה איז א אוריין תליתאי, יעדע טאג איז דריי טעג. א טאג וואס מען דינט נישט דעם אייבערשטען, איז נישט נאר מען האט פארלוירן דעם טאג, נאר עבירה גוררת עבירה, איין טאג ברענגט די צווייטע, יומיים אעזבך, מען פארלירט נאכדעם נאך צוויי אנדערע טעג (עיין **חתם סופר** פ' דברים ד. ד"ה אחד עשר יום). די תורה איז א אוריין תליתאי, די תורה איז א זאך וואס באשטייט פון דריי. איין טאג מען גייט אוועק פון עבודת ה', פארלירט מען נאך צוויי טעג חוץ דעם.

**כלל** ישראל איז אדורכגעגאנגען א שווערן זמן. וואס עס איז נוגע פאר אונז על כל פנים, האט עס איבערגעלאזט א געוואלדיגן חורבן. מיר האלטן שוין ב"ה דערנאך, אזוי קוקט עס אויס מיטן אייבערשטן'ס הילף, אלעס קען זיך שוין צוריקשטעלן על מכונו. אבער עס האט איבערגעלאזט א געוואלדיגן חורבן דער אם תעזבני יום. און איך וועל אביסל צולייגן, וואס עס האט זיך אלץ אפגעשטעלט ביי אונז, און מיר דארפן זעהן אז עס זאל נישט זיין קיין יומיים אעזבך אויף שפעטער.

**איך** וועל אנהייבן פון דאווענען. יעדער ערליכער יוד האט געוואוסט, אז עס איז נישט דא אזא זאך צו דאווענען ביחידות, עס איז נישט דא אזא זאך ווי דאווענען אליין. א יוד דארף דאווענען בציבור, מען דארף קומען אין בית המדרש און דאווענען תפלה בציבור. אויב ער האט אמאל געדארפט דאווענען א תפלה ביחידות באונס, האט אים דאס הארץ געקלאפט, אז ער האט געטון א זאך וואס ער האט נישט געדארפט צו טון.

**עס** איז אדורכגעגאנגען די סיבות וואס האבן צוגעברענגט דערצו אז מען האט געדארפט דאווענען ביחידות, אסאך תפילות האט מען געדאווענט ביחידות. עבר ושנה בה נעשה לו כהיתר

(יומא פו:), עס ווערט נאכדעם אומווילענדיג א היתר. איך האב טאקע ביז יעצט מקפיד געווען אייביג צו דאווענען תפלה בציבור, אבער איך האב מיך שוין צוגעוואוינט. אויב עס איז זייער וויכטיג, קען מען דאווענען אפילו אין שטוב אויך, און מען דאווענט נישט בציבור, עס ברענגט נאכדעם א ירידה פון תפלה בציבור.

**מען** האט געדאווענט אין שטוב, און אין שטוב דאווענט מען דאך נישט אזוי ווי מען דאווענט אין א בית המדרש. עס פעלט דער קול וואס איז מעורר די כוונה, עס פעלט דער קול פונעם ציבור, עס פעלט די קדושה וואס עס איז דא פונעם ציבור, און דאס דאווענען נעמט אסאך קורצער, ווייל מען דאווענט נישט קיין חזרת הש"ץ ווען מען דאווענט ביי זיך. מען האט זיך צוגעוואוינט צו א תפלה קצרה, צו א קורצע תפלה. מען דארף שוין נישט קומען פונקטליך אין בית המדרש אנהייב פונעם דאווענען, און בלייבן ביז צום סוף, אינדערהיים האט מען זיך אויך אזוי געפירט, און דאס ברענגט א התרשלות שפעטער. מען קומט שוין נישט פונקטליך צום דאווענען, מען האט צייט אנצוקומען שפעטער, און אוועקגיין פריער. מען ווערט צוגעוואוינט, צוויי חדשים האט ער אזוי געדאווענט.

**מקוה. ערליכע יודען האבן געוואוסט אז מען גייט זיך נישט שטעלן דאווענען ביז מען איז זיך נישט קודם מטהר.** קדושת המקוה איז א געוואלדיגע קדושה וואס עס גייט ארויף אויפן מענטש. און עס קומט היינט אן ב"ה אזוי גרינג זיך מטהר צו זיין, מען האט נישט פארפעלט א טאג מען זאל נישט גיין אין מקוה. און מען האט זיך צוגעוואוינט אז מען קען דאווענען אן א מקוה אויך, אם תעזבני יום יומיים אעזבך.

**לימוד התורה.** מען האט געוואוסט אז מען קומט אין בית המדרש לערנען. ער האט געהאט זיינע חברותות, מען האט געהאט די שיעורים, און מען האט נישט פארפעלט. א טאג וואס מען איז נישט געקומען אין בית המדרש לערנען, האט ער געוואוסט אז עפעס פעלט אים. מען האט זיך צוגעוואוינט צו לערנען אין שטוב, אין שטוב ווייסט מען דאך ווי אזוי עס קוקט אויס דאס לערנען, עס איז נישט אזוי ווי מען לערנט א קביעות אין א בית המדרש, און עס איז געווארן א התרשלות אין לימוד התורה. - עס איז זיכער דא א ירידה ביי א גרויס חלק פון יודען, סיי מיט זייער תפלה בציבור, סיי מיט זייער תפלה בכוונה, סיי מיט זייער מקוה, און סיי אין לימוד התורה.

*

**איך** וויל ארויסברענגען א נקודה. אונז קוק מיר אן, אז די צייט וואס מען איז נישט געווען אין בית המדרש, איז מען געווען א אונס. די רעגירונג האט אונז געצווינגען צוצומאכן די בתי מדרשים, און וועגן דעם איז מען נישט געקומען אין בית המדרש דאווענען. **נישט די רעגירונג האט עס צוגעמאכט, די תורה האט עס צוגעמאכט!** ווען מען האט געהערט וואס עס גייט פאר, וואס עס ברענגט אלץ דאס וואס מען איז צוזאמען איינער מיטן צווייטן, ל"ע עס האט אוועקגענומען צענדליגער יודען מבין החיים, און הונדערטער און הונדערטער זענען געלעגן אין בעט קראנקערהייט מכח דעם, האט די תורה געהייסן צומאכן די בתי מדרשים! ביי אונז איז א לעבן פון א יוד חשוב'ער פון אלעם. וועגן דעם איז מען מחלל שבת פאר פיקוח נפש, עס איז דא א מצוה זיך צו היטן דעם אייגענעם געזונט, און כל שכן היטן יענעמ'ס געזונט. עס איז נישט דא קיין תפלה בציבור, עס איז נישט דא קיין זאך וואס זאל מחייב זיין קראנק צו מאכן, זיך צו א צווייטן.

**מען** האט פריער גערעדט, **חכמי ישראל האבן פארשטאנען אנדערש ווי די בעלי בתים.** זיי האבן פארשטאנען **אפילו ווען די רעגירונג זאגט, אז עס טאר נישט זיין פופציג מענטשן, און אונטער דעם קען מען זיך צוזאמקומען, האט מען צוגעשפארט די בתי מדרשים. נישט ווייל מען האט געבעטן, נישט ווייל מען האט געדארפט אזוי טון, נאר ווייל די תורה האט אזוי געהייסן.** איינמאל מען האט געהערט אז עס איז דא א זאך וואס איז פארבינדן מיט לעבן פון מענטשן, איז נישט די רעגירונג טיילט אונז איין וויפיל מענטשן עס זאל נישט זיין צוזאמען, די תורה זאגט אונז, אז מיר זענען מחויב זיך צו היטן דעם געזונט, סיי דעם אייגענעם געזונט און אויך יענעמ'ס געזונט, און תפלה בציבור איז נישט דוחה קיין געזונט פון א צווייטן.

**די** תורה האט אונז געהייסן אז די טעג זאל מען דאווענען ביחידות, און נישט גיין אין בית המדרש,

און נישט גיין אין מקוה, און **ווען א יוד האט עס געטון וועגן דעם, ווייל די תורה הייסט אזוי, דארף איך עס היטן, האט ער נישט פארפעלט קיין מקוה די אלע טעג, און ער האט נישט פארפעלט קיין תפלה בציבור. דער זעלבער באשעפער וואס האט געהייסן דאווענען בציבור, האט געהייסן אז די טעג טאר מען נישט דאווענען בציבור! די זעלבע תורה וואס האט געזאגט אז מען דארף גיין אין מקוה, האט געזאגט אז יעצט דארף מען נישט גיין אין די מקוה!** כשם שקבלתי שכר על הדרישה, כך קבלתי שכר על הפרישה (פסחים כב:), די זעלבע שכר. דו וועסט נישט אפגעבן קיין שום דין וחשבון. נישט איך האב געדארפט טון און מען האט מיך מאנס געווען, און איך האב נישט געקענט טון. נאר דו ביסט נישט געווען מחויב. דאס איז געווען די מצוה פון די תורה, אז דו זאלסט זיך היטן.

**דאס** אלעס איז אזוי לאנג, ווילאנג די תורה האט געהייסן אז מען האט זיך געדארפט היטן. איינמאל דאס האט זיך אויפגעהערט, **פון יעצט אן, אז א מענטש לאזט נאך פון וואס ער האט ביז יעצט געטון, יעצט ווערט ער גערעכנט ווי ער איז א מזיד.** ביז יעצט איז נישט געווען אם תעזבני יום, אונז האב מיר נישט פארלאזט דעם אייבערשטן אויף די טעג, אונז האב מיר געטון וואס דעם אייבערשטן'ס רצון איז געווען אויף די טעג. אמאל איז דעם אייבערשטן'ס רצון צו לערנען, און אמאל איז דעם אייבערשטן'ס רצון נישט צו לערנען. אמאל איז דעם אייבערשטן'ס רצון צו דאווענען בציבור, און אמאל פארלאנגט ער עס נישט. און אונז האב מיר געפאלגט וואס דער רבונו של עולם האט געזאגט! אונז האב מיר נישט פארלוירן קיין מקוה, אונז האב מיר נישט פארלוירן קיין תפלה בציבור, אונז האב מיר נישט פארלוירן קיין לימוד התורה. וואס מיר זענען געווען על פי תורה מחוייב צו טון, האבן מיר געטון.

**אבער** יעצט, ווען מיר קענען ב"ה צוריק גיין, דארף מען אלעס צוריקשטעלן אויפן פריער'דיגן סדר אזוי ווי עס איז געווען. **אז יעצט טוט מען עפעס נאכלאזן, אז מען לאזט נאך אפילו איין מקוה, איין תפלה בציבור וואס ער לאזט נאך, יעצט ביסטו מגלה אז עס איז נישט חשוב ביי דיר תפלה בציבור, עס איז נישט חשוב ביי דיר קיין מקוה.** אונז דארף מיר זיך צוריקשטעלן מיט אלעם אזוי ווי עס איז געווען פריער.

**און** דאס איז מתן תורה. אונז האב מיר מקבל געווען די תורה דעם יום טוב מיט א פרישער התחדשות, יעצט דארף מען זיך צוריקשטעלן אזוי ווי מיר זענען געווען מיט א פאר חדשים צוריק. **פון מארגן צופרי דארף יעדער וויסן ביי זיך, עס איז נישט דא קיין שום תירוץ ער זאל נאכלאזן א זאך פון וואס ער האט געטון ביז יעצט**, ער דארף זיך צוריקשטעלן צו זיין סדר. נישט קוקן וואס ביז יעצט האט ער נישט געקענט זיך פירן ווי עס דארף צו זיין, פון יעצט אן דארף ער טון וואס ער דארף צו טון.

*

**עס** איז געווארן א געוואלדיגע ירידה ביי בחורים, א געוואלדיגע ירידה. יעדער ווייסט, אז ווען מען זיצט אין בית המדרש, לערנט מען מער, לערנט מען ווייניגער, אבער מען איז ערליך. עס איז געווען א לאנגער בין הזמנים, און עס האלט נאך אן דער בין הזמנים, בחורים וואס פלעגן זיצן אין בית המדרש פופצן שעה, פון זיבן אזייגער צופרי ביז צען אזייגער ביינאכט. אויסער שלאפן וואס ער איז ארויסגעגאנגען, איז ער כמעט די גאנצע צייט געווען אין בית המדרש און געלערנט, געהערט דברי תורה, אפילו געשמועסט צוזאמען, אבער עס איז געווען ערליך. מען האט אראפגעהאקט א האלבן תורה, מען הייבט אן עלף אזייגער צו לערנען, און זעקס אזייגער הערט מען אויף, אזוי איז ליידער יעצט געווארן.

**אבער** אז מען קען שוין אנהייבן צוריק צו גיין צו וואס עס איז געווען, איז נישט דא קיין היתר פון מבטל זיין תורה. א בחור דארף זיך צוריק שטעלן, צו ער איז יא אין א מסגרת פון א ישיבה, צו ער איז נישט אין א מסגרת פון א ישיבה, ער דארף זיך צושטעלן אזוי ווי ער איז געווען א בחור אין ישיבה, עס איז דער זעלבער באשעפער. ביז יעצט ביסטו געווען א אונס, דו האסט נישט געקענט, אבער יעצט איז נישט דא קיין אונס, יעצט דארף מען זיך צוריקשטעלן און אלעס מסדר זיין אזוי ווי עס איז געווען פארדעם.

**עס** האט געברענגט א געוואלדיגער הירוס די טעלעפאנען וואס מען האט. מחמת דעם מצב האט מען געמוזט געבן אז מען זאל לערנען אויף א טעלעפאן. עס האט זיך אויפגעהערט. **עס איז נישט דא קיין שום סיבה אז א בחור זאל זיך ארומדרייען**

**מיט א טעלעפאון היינט. און די עלטערן דארפן עס פארסירן. עלטערן דארפן זאגן פארן בחור, עס איז נישט די צייט יעצט צו האבן א טעלעפאון. דו האסט א ישיבה, דו האסט וואו צו לערנען, קענסט לערנען מיט די חברותא אין בית המדרש, מען דארף נישט האבן קיין טעלעפאון. און מען דארף זיי נישט מסביר זיין פארוואס מען דארף נישט קיין טעלעפאון, ווייל היינט ווייסט ער בעסער פון ענק. ער האט עס פרובירט א פאר וואכן, ער ווייסט זייער גוט וואס א טעלעפאון מיינט, און ער ווייסט זייער גוט די ירידה וואס עס האט אים צוגעברענגט א טעלעפאון. און ער דארף וויסן, אז מען טאר נישט מיט דעם בלייבן!** דאס דארף מען אוועקלייגן אין דער זייט, און זיך צוריק שטעלן דעם גאנצן סדר.

**דאס** איז אונזער זמן מתן תורתנו. מיר האבן מקבל געווען די תורה, און מיר הייבן אן א פרישן התחדשות צו תורה, צוריק אנהייבן דינען דעם אייבערשטן מתוך שמחה וטוב לבב. און בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו, ווער עס וועט וועלן זיין ערליך, וועט זיך שנעל צוריק כאפן פון די אלע ירידות וואס מען האט געהאט אין משך פון דעם זמן. מען ווייסט נאך נישט ווי אזוי דער זומער וועט זיין, און ווי אזוי עס וועט אויסקוקן, צו מען וועט בלייבן, צו מען וועט קענען ארויסגיין, מען דארף מתפלל זיין און בעטן פונעם אייבערשטן, מען זאל קענען אלעס צוריק שטעלן אויפן פלאץ. אבער מיר זענען עבדי המקום, מיר דינען דעם אייבערשטן ווי אזוי מען שטעלט אונז אראפ. וואו אונז וועל מיר זיין, ווי אזוי אונז וועל מיר זיין, דארפן מיר אויספירן דעם רצון ה׳, דינען דעם אייבערשטן, נזהר זיין מיט וואס אונז דארף מיר נזהר זיין, סיי אין סור מרע און סיי אין עשה טוב, לערנען און דינען דעם אייבערשטן, דעמאלטס וועלן מיר צוקומען צו די ריכטיגע קבלת התורה.

**אונז** האלט מיר נאך אזא גרויסן יום טוב פון שבועות, אין מדרש (ויק״ר כז-ז) שטייט דאך, אז וועגן די צוויי ווערטער נעשה ונשמע וואס יודען האבן געזאגט, אלע טובות ונחמות וואס דער רבונו של עולם וויל אונז געבן איז נאר וועגן די צוויי ווערטער וואס מיר האבן געזאגט. עס איז נאך יום טוב פון שבועות, מיר דארפן זאגן נעשה ונשמע, נאכאמאל מקבל זיין, מיר גייען ווייטער טון דעם רצון פונעם אייבערשטן. מיר וועלן זיך פירן פון היינט און מארגן אויפן זעלבן וועג ווי עס האט אויסגעקוקט א פאר חדשים צוריק. עס זאל נישט זיין ביי אונז קיין שינוי אין קיין שום זאך פון וואס עס איז געווען פריער, דעמאלטס וועלן מיר זוכה זיין צו די אלע ברכות וואס תורה ברענגט מיט מיט זיך, אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד, אין טוב אלא תורה (אבות ו-ג), עס איז נישט דא קיין בעסערע זאך ווי תורה, תורה האט אין זיך אלע טובות שבעולם. מען דארף ליגען אין תורה, און ווי מער א מענטש איז זיך מדבק אין תורה, איז ער מער זוכה ער זאל קענען האבן די השפעה וואס תורה ברענגט מיט זיך מיט. זאלן מיר אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין בקרוב משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום ראשון פרשת נשא ב׳***

**רבינו שליט״א** התפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודא. לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט״א** תפלין לבן הרב **נחמן גרינצווייג** שליט״א, ולבן הר״ר **דוד ברוין** הי״ו.

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר״ר **אברהם פאלל** הי״ו. **רבינו שליט״א** נתכבד בסנדקאות ומוהלות וברכות וקריאת השם.

אחר הברית הסיב **רבינו שליט״א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה, והשמיע דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורן דרשה. - **רבינו שליט״א** השתתף בסעודת הברית, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**מען** שטייט נאך מתן תורה. ווען משה רבינו איז געקומען פארלייגען די תורה פאר יודען, האט ער געזאגט, ואתם אם שמוע תשמעו בקולי, אויב עטץ וועטס צוהערן אין מיין קול, ושמרתם את בריתי, עטץ וועטס אפהיטן מיין ברית, והייתם לי סגולה מכל העמים (שמות יט-ה), וועט עטץ מיר זיין א סגולה מכל העמים. אין מכילתא איז דא צוויי פשטים אויף ושמרתם את בריתי. איין פשט איז, אז עס גייט ארויף אויף מילה, מילה איז א ברית. און איין פשט איז, אז עס גייט ארויף אויף שבת, וואס שבת איז אויך א ברית. אם שמוע תשמעו בקולי, ושמרתם את בריתי,

אדער מצות מילה אדער מצות שבת. מיר ווילן זיך אפשטעלן אויף די מאן דאמר וואס זאגט אז עס גייט ארויף אויף די מצוה פון שבת. וואו קומט אהער ווען מען רעדט אז מען דארף מקבל זיין די גאנצע תורה, זאגט מען, אז אויב עס וועט זיין שמוע תשמעו בקולי ושמרתם את בריתי, עטץ וועטס אפהיטן שבת, וועט עטץ זיין א סגולה מכל העמים.

**איך** האב געטראכט, מען ווייסט אז מיט ארום הונדערט פופציג יאר צוריק איז פארגעקומען א שאלה אין ירושלים. די הלכה איז, אז א גר גייט נישט אריין אין כלל ישראל נאר מיט צוויי זאכען, מילה און טבילה. מען מוז אים מל'ן, און ער מוז זיך טובל'ן, און דעמאלטס ווערט ער א גר (שו"ע יו"ד רסח-א). איז פארגעקומען א מעשה, אז א גר האט זיך מגייר געווען פאר שבת, און מען האט אים גע'מל'ט, און עס איז נישט אויסגעקומען אז מען זאל אים קענען טובל'ן פאר שבת. איז געווארן א מחלוקת צווישן די גדולי הפוסקים דעמאלטס, צו ער מעג האלטן שבת, צו נישט. עכו"ם ששבת איז דאך חייב מיתה (סנהדרין נח:), א גוי טאר נישט האלטן שבת, און ער ווערט נישט קיין גר נאר מיט מילה און טבילה, און טבילה איז נאך נישט געווען, טאר ער נישט האלטן שבת. צו זאגן מיר, אז ער ווערט טאקע נישט אינגאנצן א גר ביז מילה און טבילה, אבער נאך מילה איז ער שוין אריינגעגאנגען אין עול המצות, און ער מעג האלטן שבת. איז געווען איין גדול (**הג"ר אשר לעמיל פראסט זצ"ל**, מרבני בית דינו של **הג"ר שמואל סלנט זצ"ל**) וואס האט געזאגט, אז ער זאל טון א מלאכה אין שבת, ווייל מען ווערט נישט קיין גר ביז מילה און טבילה, און ער טאר נישט האלטן קיין שבת.

**נאכדעם** האט זיך געטון אין אייראפע א גאנצע דין ודברים פון די גדולי ישראל פון דעמאלטס. עס איז דא א תשובה אין **אבני נזר** (יו"ד סימן שנ"א) און אין **בנין ציון** (סימן צ"א), און זיי האבן געהאלטן אז פון ווען מען האט זיך גע'מל'ט, האט ער שוין נישט די הלכה אזוי ווי א גוי, און ער קען האלטן שבת, אפילו עס איז נאכנישט געענדיגט געווארן זיין גאנצע פראצעדור פונעם גירות. איינע פון די ראיות וואס זיי האבן געברענגט איז, אז די גמרא (שבת פז.) זאגט, אז אין מרה איז מען נצטוה געווארן אויף שבת. קומט אויס אז אין מרה האט אונז דער אייבערשטער שוין געגעבן די מצוה פון שבת. די גמרא (כריתות ט.) זאגט, אז יודען זענען נישט אריינגעגאנגען אין עול פון תורה, נאר אזוי ווי א גר. יודען האבן געדארפט האבן מילה, מען האט זיך געדארפט מל'ן, און עס איז געווען הזאה, משה רבינו האט מזה געווען אויף זיי פונעם דם פונעם קרבן, און אין הזאה בלא טבילה. און פון דארט לערנען מיר אראפ, אז ווען מען וויל אריינגיין לעול המצות, דארף מען האבן די זעלבע פראצעדור ווי אזוי יודען זענען אריינגעגאנגען אינעם עול פון תורה.

**די** הזאה און טבילה איז דאך הערשט געווען נאנט צו מתן תורה, עס איז שוין געווען אין חודש סיון. און די מצוה פון שבת זענען זיי מצווה געווארן אין מרה. גע'מלט האט מען זיך אין מצרים. נו אויב מיר זאגן אז מען גייט נישט אריין צו ווערן א יוד, נאר נאך די טבילה. ווי אזוי האט מען זיי געקענט געבן די מצוה פון שבת אין מרה, זיי זענען דאך צווישן מילה און טבילה. איז א ראיה אז נאכדעם וואס מען האט זיך גע'מל'ט, מעג מען שוין האלטען שבת. דאס איז איינע פון די ראיות וואס מען האט געברענגט.

**מען** קען זיך דינגען אויף די ראיה, אז עס קען זיין אז דעמאלטס האט מען יא געמעגט האלטן שבת, אבער היינט קען זיין אז א גר וואס מל'ט זיך, טאר נישט האלטן שבת ביז ער טובל'ט זיך. וואס איז דער חילוק. עכו"ם ששבת חייב מיתה, א גוי טאר נישט האלטן קיין שבת. פארוואס טאר ער נישט האלטן קיין שבת. ווייל מיר האלטן שבת, כי ששת ימים עשה ה' את השמים ואת הארץ, וביום השביעי שבת וינפש (שמות לא-יז), מיר גלייבן אז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט אין זעקס טעג, און דעם זיבעטן טאג האט ער גערוהט. דער גוי איז אויך מחויב צו גלייבן אינעם אייבערשטען, עס איז איינע פון זיינע שבע מצות, ער איז מחוייב צו גלייבן אז עס איז דא א בעל הבית אויף דער וועלט, אז ששת ימים עשה ה' את השמים ואת הארץ, וביום השביעי שבת וינפש (סנהדרין נו:). פארוואס איז די הלכה אז עכו"ם ששבת חייב מיתה, ער טאר נישט האלטן קיין שבת? ער וויל אויך האלטן א זכר אויף דעם, אז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט אין זעקס טאג, און דעם זיבעטן טאג האט ער גערוהט.

**עס** איז ניתן להאמר, אז דער שבת האט אין זיך צוויי חלקים. עס האט אין זיך דעם חלק אז מען האלט

שבת ווייל דער אייבערשטער האט גערוהט אין שבת. און אזוי איז געווען פון בריאת העולם אן, אז מען האט געהאלטן שבת ווייל דער אייבערשטער האט גערוהט ביום השביעי, ויברך אלקים את יום השביעי ויקדש אותו. און דאס וואלט נישט געאהרט אז א גוי האלט שבת וועגן דעם. אבער ווען דער אייבערשטער האט אויסגעקליבן יודען פאר א פאלק, האט ער גענומען דעם שבת, און ער האט דאס געמאכט אז דאס איז א אות ביני וביניכם, דאס איז דער סימבאל צווישן א יוד מיטן אייבערשטען. וועגן דעם פון ווען אן מיר האבן מקבל געווען די תורה, און דער אייבערשטער האט געמאכט דעם שבת אז דאס איז דער אות ביני וביניכם, דאס איז דער אות צווישן דעם אייבערשטען מיט יודען, פון דעמאלטס אן טאר א גוי נישט האלטן שבת. ווייל דו ביסט נישט אין דעם ברית וואס דער אייבערשטער האט געמאכט מיט יודען.

**מען** זעהט אז דער אייבערשטער האט שוין געגעבן דעם שבת אין מרה, און דער באשעפער האט געגעבן די מצוה פון שבת אין די עשרת הדברות, און אין פרשת כי תשא שטייט נאכאמאל דערמאנט ושמרו בני ישראל את השבת, אז מען דארף אפהיטן דעם שבת. וואס איז דער ושמרו בני ישראל את השבת וואס מען גיט צו אין פרשת כי תשא. נאר ביז יעצט האט מען געהאלטן שבת, ווייל כי ששת ימים עשה ה' את השמים ואת הארץ, און דעם זיבעטן טאג האט ער געריהט. אבער אין פרשת כי תשא האלט מען שוין נאך מתן תורה, נאך מתן תורה איז ושמרו בני ישראל את השבת וגו', ביני ובין בני ישראל אות היא לעולם, דאס איז א אות צווישן מיר און ענק. דער אות פון ביני וביניכם, איז צוגעקומען ווען מיר האבן מקבל געווען די תורה, דעמאלטס האט דער באשעפער געשלאסן מיט אונז א ברית.

**קומט** אויס, אז אין מרה, בשעת מען האט נאר געהאלטן שבת ווייל ששת ימים עשה ה' את השמים ואת הארץ, האט א גוי אויך געמעגט האלטען שבת. עס האט מיר נישט געאהרט אז דער גוי האט געהאלטן שבת. ווייל א שבת נאר פארדעם, אז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, קען א גוי אויך האלטן. אבער פון ווען אן מיר האבן מקבל געווען די תורה, פון דעמאלטס אן האט שבת באקומען א העכערע ענין דערין, אז עס איז געווארן א אות ביני וביניכם, דאס איז אזוי ווי א מענטש וועט זיך ארומשפילן מיטן אות פונעם קעניג, מען רופט עס אן אז ער איז זיך משתמש בשרביטו של מלך, ער נעמט די שרביטו של מלך וואס דער אייבערשטער מאכט א ברית צווישן יודען און אים דורכן שבת (עיין **בני יששכר** שבת ט-ו). היינט וואס דער שבת איז געווארן א אות ברית צווישן אונז און דעם אייבערשטען, פון היינט אן קען מער נישט א גוי האלטן שבת, אפילו ער האט זיך געמל'ט, ביז ער טוט זיך נישט טובל'ן. על כל פנים, פון מרה איז נישט קיין ראיה, ווייל דאס איז געווען פאר מתן תורה. פאר מתן תורה האט א גוי געקענט האלטן שבת, אבער נאך מתן תורה קען א גוי נישט האלטן קיין שבת, נאר אז ער ווערט א יוד.

**דער** אייבערשטער האט געזאגט, ביז יעצט האט עטץ אויך געהאלטן שבת, אבער 'ועתה אם שמוע תשמעו בקולי', יעצט נאכדעם וואס עטץ וועטס מקבל זיין די תורה, 'ושמרתם את בריתי', וועט דער שבת ווערן א ברית צווישן מיר און ענק, 'והייתם לי סגולה מכל העמים', וועט עטץ זיין פאר מיר א סגולה מכל העמים. ביז יעצט האט דער עכו"ם אויך געקענט האלטן דעם שבת, אבער נאך דעם אם שמוע תשמעו בקולי, און דער שבת וועט ווערן א ברית צווישן יודען און דעם אייבערשטען, איז והייתם לי סגולה מכל העמים, וועלן נאר יודען זיין א סגולה מכל העמים.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לסטעטן איילאנד לסידור קידושין אצל החופה של החתן **עמרם** ני"ו, בן הר"ר **טובי' גדליה זאב לעפקאוויטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **משה יחזקאל פריינד** הי"ו.

*

***יום שני פרשת נשא ב'***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **אשר כהנא** הי"ו.

בשעות אחר הצהרים מסר **רבינו שליט"א** שיעור היומי לתלמידי לישיבה גדולה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של בת הרב **לוי יצחק לינדנער** שליט"א, עב"ג בן הר"ר **אהרן שטערן** הי"ו.

**_יום שלישי פרשת נשא ב׳_**
בשעות אחר הצהרים מסר **רבינו שליט״א** שיעור היומי לתלמידי לישיבה גדולה.

בשעות אחר הצהרים הגיע **רבינו שליט״א** לסידור קידושין אצל החופה של בן הר״ר **אריה יהודא שמערלער** הי״ו, עב״ג בת הר״ר **שמעון מרדכי ראטענבערג** הי״ו, שהתקיים באולם ויואל משה.

*

**_יום רביעי פרשת נשא ב׳_**
בשעות אחר הצהרים מסר **רבינו שליט״א** שיעור היומי לתלמידי לישיבה גדולה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט״א** אצל סעודת הילולא של זקינו **הגה״ק משאמלויא זצ״ל**, שהתקיים בבית המדרש שאמלויא.

*

**_יום חמישי פרשת נשא ב׳_**
**רבינו שליט״א** התפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודא. לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט״א** תפלין לבן הר״ר **שמואל מאיר פשערהאפער** הי״ו.

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר״ר **איסר ציגעלהיים** הי״ו. **רבינו שליט״א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

**_וזה תוכן הדברות קודש:_**
**די** וואך אין די פרשה איז די מצוה פון ברכת כהנים, אז די כהנים זאלן בענטשען יודען. די תורה רעכנט אויס די ברכות וואס מען בענטשט, יברכך ה׳ וישמרך, דאס איז די ערשטע ברכה. יברכך ה׳ בממון, דער אייבערשטער זאל בענטשען אז מען זאל האבען פרנסה, מען זאל האבען וואס מען דארף צו האבען. און ער איז ממשיך די איבריגע ברכות, און ער ענדיגט ושמו את שמי על בני ישראל, זיי זאלן לייגען מיין נאמען אויף יודען, ואני אברכם, און איך וועל זיי בענטשען (במדבר ו-כז). וואס איז דער ושמו את שמי על בני ישראל, וואס דארפן זיי טון. וואס מיינט אז זיי זאלען נעמען מיין נאמען, און עס ארויפלייגען אויף יודען, און דער אייבערשטער וועט זיי בענטשען.

**ביי** א ברית איז דער סדר אז מען זאגט וכרות עמו הברית, דער מוהל מיטן קהל צוזאמען. און לכאורה האט עס נישט קיין שום קשר. אין וכרות עמו הברית רעדט מען אז דער אייבערשטער האט כורת ברית געווען לתת את ארץ הכנעני החתי האמורי והפריזי, און מען רעדט נישט איין ווארט פון ברית מילה. עס איז דא ברית מילה, און עס איז דא א ברית וואס דער אייבערשטער האט געמאכט אז ער וועט געבן ארץ ישראל. וואס האט דער וכרות עמו הברית א שייכות צו מילה.

**עס** קען זיין אז דער פשט דערפון איז. עס שטייט אין **ישמח משה** (פ׳ מקץ ד״ה ירד ירדנו) אז עס שטייט אין **תיקוני זוהר** (תיקון כב עו.), אז ווען א יוד מל׳ט זיך, איז שורה אויף אים דער שם שד״י. און ווען מען האלט זיך בקדושה, בלייבט דער שם שטענדיג. ח״ו אויב שפעטער פירט מען זיך נישט בקדושה, גייט אראפ דער שם שד״י, און עס קומט דער שם ס״מ, און דאס איז שורה אויפן מענטש. שד״י איז בגימטריא דריי הונדערט און פערצן, ס״מ איז בגימטריא הונדערט. קומט אויס אז דער שינוי וואס טוישט זיך פון שד״י אויפן ס״מ, איז יר״ד, צוויי הונדערט און פערצן. דער שפע וואס א יוד האט אין פרנסה, דאס איז אלץ ווילאנג א יוד פירט זיך בקדושה, דאס איז ממשיך די שפע פון אויבן אין הימל. ווען א מענטש פירט זיך נישט בקדושה, ברענגט עס א ירידה אין די פרנסה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (משלי ו-כו) בעד אשה זונה עד ככר לחם (סוטה ד:). ׳ירד ירדנו׳, אויב מיר האבן א ירידה, אז פונעם שם שד״י איז געטוישט געווארן אויף ס״מ, איז דאך דא א ירידה אין יר״ד, איז ׳בתחלה׳, די ערשטע זאך איז, ׳לשבר אוכל׳ (בראשית מג-כ), אז עס ווערט צובראכן די פרנסה. אזוי שטייט אין ישמח משה.

**קומט** אויס, אז די ברכה וואס די כהנים געבן פאר יודען, יברכך ה׳ בממון, און אנדערע ברכות וואס אלעס איז כלול אין ברכת כהנים, איז דא א תנאי דערצו, אז מען דארף זיך פירן ערליך. אויב עס איז דא דער שם שד״י, דעמאלטס קען זיין די ברכות. אבער טאמער עס איז ירד ירדנו, עס איז דא א ירידה אין יר״ד, דעמאלטס איז לשבר אוכל, פעלט פון די השפעה.

**זאגט** די תורה הק׳, יברכך ה׳, בממון, דער אייבערשטער זאל דיך בענטשען מיט געלט, דו זאלסט האבן שפע מיט אלעם. אבער ושמו את שמ״י על בני ישראל, אויף יעדן יוד איז דאך דא דער שם שד״י פונעם אייבערשטען. ער זאל זעהן אז דער שמי זאל זיין על בני ישראל, דעמאלטס ואני אברכם, וועל איך זיי קענען בענטשען.

**די** גרעסטע שפע וואס דער אייבערשטער האט געגעבן פאר כלל ישראל, איז דאך ארץ ישראל. דאס לאנד אליין, דאס ווערט פונעם לאנד, ארץ זבת חלב ודבש, לא תחסר כל בה, אלעס וואס איז אלץ דא אינווייניג. כדי מען זאל קענען זוכה זיין צו די השפעה פון ארץ ישראל, צו דעם דארף זיין די קדושה פונעם ברית, ווייל אז נישט איז דאך בתחלה לשבר אוכל, עס טוט צוברעכן דעם אוכל. איז וועגן דעם ווען דער אייבערשטער האט געגעבן די מצוה פון מילה פאר אברהם אבינו, האט ער אים דעמאלטס צוגעזאגט אז ער גייט אים געבן ארץ ישראל אויך, ווייל די קדושת הברית, דאס ברענגט אז עס זאל זיין א שפע אין די פרנסה. וכרות עמו הברית לתת את ארץ הכנעני החתי והאמורי, די כריתת הברית וואס דער אייבערשטער גיט אונז אזא שפע, ער האט אונז געגעבן די ארץ פון שבעה עממים, האט א שייכות צו ברית מילה. ווייל דורכדעם וואס יודען זענען מקיים די מצוה פון ברית מילה, איז דאך שורה דער שם פון שד״י, ושמו את שמי על בני ישראל, מיט דעם איז מען זוכה צו ואני אברכם.

*

בשעות אחר הצהרים מסר **רבינו שליט״א** שיעור היומי לתלמידי לישיבה גדולה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק והשתתף אצל החופה של בת הר״ר **עקיבא פישער** הי״ו, עב״ג בן הר״ר **פנחס יהודא שרגא וויליגער** הי״ו, שהתקיים ע״י ישיבת ברכת משה. **רבינו שליט״א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר תפלת מעריב מסר **רבינו שליט״א** שיעור השבועי **באור החיים הק׳** על ידי הטעלעפאון.

*

***ערב שבת פרשת נשא ב׳***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט״א** האפשערן של בן הר״ר **אהרן שלמה וויינגארטען** הי״ו, ושל בן הר״ר **דוד דייטש** הי״ו.

*

***שבת קודש פרשת נשא ב׳***

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט״א** השם לבת הנולדה אצל הר״ר **אברהם** (ב״ר אליעזר דוד) **האפפמאן** הי״ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבה לכבוד השמחה.

אחר תפלת מנחה דרש **רבינו שליט״א** בפרקי אבות, והתחיל אמריו בדברי המשנה (א-ז) הרחק משכן רע ואל תתחבר לרשע, אשר הדברים נוגעים ביותר בהתקרב ימי הקיץ, ושוכר מקום לנוח ולנופש, יש לברר תחלה מי הם השכנים שלו. וכמו כן במקום העבודה, מי יהיו שכניו שם. ונכלל בזה עוד, שגם אם מחמת סיבה הוא מוכרח לדור עם שכן רע, מכל מקום לא יתקשר עמו בקשר של אהבה וידידות, רק כפי הצורך, והרחק משכן רע, לעשות הרחקה ממנו.

אחר שדיבר **רבינו שליט״א** בביאור מקראי קודש בהפטורת השבוע, בפרשת מנוח ואשתו שנגלה אליהם מלאך ה׳ לבשר על לידת בנם שמשון הגבור וקבלת נזירותו משתיית יין וכו׳, עורר **רבינו שליט״א** בקול חוצב, על מה שנפוץ לאחרונה שתיית היין ויי״ש בשמחות, שמציעין לפני האורחים יינות ומשקה המשכרים מינים ממינים שונים, עד ששכיחה שכרות, שמשתכרין למחצה לשליש ולרביע, והם עצמם נעשים בזויים, ומבזים את משפחתם, והבנים מתביישים מאד בראותם בזיון אביהם, וכאשר באים הביתה בשב״ק אחר קידושא רבא בבית המדרש, מתהפכת סעודת השבת בבית לתוגה, אשר דבר כזה לא היה מעולם אצל יהודים חרדים לדבר ה׳, רק בקצה העם, בהפחותים שיש בינינו. והקולר הוא על בעלי השמחה שהם מציעים כל זה לפני האורחים, ולא עכברא גנב אלא חורא גנב, והם אשמים בהתוצאות שנתהוה מזה.

וחוץ מזה רובם של המשקאות הללו אין להם אלא הכשר קל, ועולה להון רב. וכמה פעמים הם נצרכים לקרוא לחברת הצלה עבור מצבם. ובשביל שהוא התאוה להשתכר צריכין אחרים לחלל שבת אחר כך עבורם. - וגם מצוי בחתונות, שבעלי השמחה, אבות

החתן והכלה, הם כשיכורים בשמחתיהם, והתנהגותם משונה, וכדי בזיון וקצף.

**רבינו שליט"א** חזר בדבריו על מה שסיפר לו פעם **כ"ק האדמו"ר מסאטמאר בעל ברך משה זצ"ל**, אשר אביו **בעל העצי חיים זצ"ל**, כאשר היה מחלק להבנים בליל שב"ק מהכוס של קידוש, היה נותן להם רק כדי טעימה, ללחלח השפתים והלשון, ולא יותר, כדי שלא ירגילו עצמם לשתות משקה המשכר. והוסיף עוד (בשם צדיקים) שכאשר מכבדים אדם בכוס יין, אם כי יודע שאינו שותה רק מעט כנהוג, מכל מקום ממלאים הכוס מתחלה כולו, ולא רק למחצה לשליש ולרביע, כדי שכאשר הנכנסים יראו כוס שאין בו אלא יין קצת, יחשבו שהיה מתחלה מלא כולו, ושתו רובו ככולו ונשתכרו.

וזהו כוונת אמרם ז"ל (סוטה ב.) הרואה סוטה בקלקולה יזיר עצמו מן היין, ולא אמרו שיפרוש מלהיות סוטה, והכוונה היא, כי הרואה סוטה משכיל לדעת אשר זה לא נעשה פתאום, שבת ישראל שמחונכת בבית של קדושה, תתדרדר להתהפך לסוטה. אלא היה בזה דרגות רבות, שמתחלה שתתה יין קצת, ושוב עוד יותר, עד שהתחילה לדבר עם אחרים, שלם לך וכו', ובסופה בא לידי סוטה. והרואה אותה בקלקולה יתבונן על התחלתה, אם לא רוצה להיות כמותה, ויזיר עצמו מן היין, שסופה מביאה לידי תוצאות אלו.

**רבינו שליט"א** הוסיף לאמור אשר פרשה זו הוא גם מוסר השכל לבחורי חמד, כאשר רואים אחד שפירש מדרכי התורה, ורואה אותו בקלקולו, לא די שיאמר, אני לא רוצה להיות כמותו, אלא יתבונן גם הוא נתגדל בבית כשר, ולמד תורה בישיבה, ומה הביאו לידי מדה זו. אך דבר זה נתהוה בהדרגה לאט לאט, מתחלה התחיל לזלזל בסדרים של הישיבה, הסתובב בחוצות, וראה מה שאין צריך, ונתחבר לחברים גרועים, ושוב הגיע לידו טלפון פורה ראש ולענה, עד שיצא לסורו. ואם רואה אותו בקלקולו, ואינו רוצה להיות כמותו, ישים עיניו להזהר על ראשיתו, להיות יושב ועוסק בתורה בכל סדרי הלימוד, ולא יסתובב בחוצות, ויתרחק מחבר רע, ואז יזכה ללכת בדרכי טובים לעולמי עד.